# אויף דער גרעניץ פון טויט און לעבען.

ה. ד. נאָמבערג.

„איהר האָט זיך געדוכט, אז איצט שטעהט זי אויפ'ן גרעניץ פון טויט אין לעבען, אויף דעם פונקט, וואו זיי ריהרען אָן איינער דעם אַנדערן און ווערען פערשלונגען איינער אין אַנדערן און װענען איינס".

(ה. ד. נאָמבערג: „שוויינ, שוועסטער".)

## 1.

די וועלט און די מענשען, וואָס אַרום, זעהען מיר אין שפּיגעל — פון אונזער נשמה. אַ שפּיגעל, וואָס בעסער ער איז, אַלץ ריכטיגער מוז זיין דאָס בילד פון די זאַכען, וואָס ער ווייזט אונז; אונזער נשמה — פערקעהרט: וואָס בעסער און איידעלער זי איז, אַלץ אייגענאַרטיגער, אינדיווידועלער איז די וועלט, ווען זי שפּיגעלט זיך אין איהר אָב... פונקט אַזוי ווי גאָט האָט דעם מענשען בעשאַפען „בצלמו ובדמותו", אין זיין אייגענעם פורעם און געשטאַלט, — אַזוי שאַפט איבער דער מענש גאָט און זיין וועלט לויט זיין אייגענער געשטאַלט. אַפילו די ווערק, וואָס לויט דער פאָרם און דעם טאָן זענען זיי עפּיש, — זענען אין תוך גענומען בלעטער אויטאָביאָגראַפיע, לעבע-

דיגע שטיקער פון דעם דיכטערס הארצען. אין דער רות-אידיליע מיט איהר געלאַסענעם, עפּישען „ויהי...״ האָט זיך געוויס פונקט אַזוי אָבּ-געשפּיגעלט דעם דיכטער׳ס פּערזענליכקייט, ווי אין דעם לירישען שיר-השירים; דען ליריקער איז דער דיכטער נישט נאָר, ווען ער ציהט אַראָב די מאַסקע, וואָס פערשטעלט זיין געזיכט, זיין אייגענע פּערזענ-ליכקייט; ליריקער איז ער אויך, בעת ער גיט זיך אָב מיט אַנדערע מענשען, אויך דאַן איז ער דער העלד פון זיינע ווערק.

ה. ד. נאָמבערג שרייבט רוהיג, געלאַסען און אַמאָל קאַלט, ווי נישט איהם מיינט מען; אין זיינע ווערק ווערט גערעדט „בלשון נסתר״; ער אַליין מיט זיין איך פיגורירט אין זיי זעלטען; דאָך זע-נען די ווערק זיינע ליריש. דאָס קיהלע ליכט, וואָס בעשפּינט זיינע העלדען, איז זיין ליכט; דאָס מידע, שטומע ליידען, וואָס קוקט פון זייערע אויגען אַרויס, איז זיין ליידען, און די סביבה, וואָס פון איהר שטאַמען זיי, איז זיין סביבה: די אינטעליגענטישע און האַלב אינטעליגענטישע יודישע באָהעמע.

אין אָנהויב האָט ער אַזוי ווי אַנדערע יודישע שרייבער, זיך אויך אָבגעגעבען מיט דעם פּאַרצייטיגען לעבען פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס: „דער רב און דעם רב׳ס זוהן״, „אין אַ פּוילישע ישיבה״ און אַנד. די דאָזיגע זאַכען אָבער זענען שוואַכע: פאַרהאַן נאָך אין זיי אַ סך ווייטיגע, נישט קיין וויכטיגע איינצעלהייטען; עס פעהלט נאָך אין זיי די גאַנצקייט, די אָבגעשלאָסענקייט און די בעזונדערע נישט קאַלטע, אָבער קיהלע אַטמאָספערע, וואָס רינגעלט אַרום די שפּעטער-דיגע ווערק פון אונזער שרייבער. נאָר עס פיהלט זיך שוין אייך אין אָט די ערשטע פּראָבעס זיינע, אַז איהם ציהט צו אינטעלעקטואַליסטי-שע טיפען, צו מענשען, וואָס הגם זיי זענען וייך און ליריש, טראַכטען זיי און גריבלען זיך און לעבען פאַר זיך, אָבגעשיידט, אָבגעריסען פון די אַרומיגע. דעם רב׳ס זוהן און יצחק׳ל, דאָס עלפיאָהריגע יונגעל, וואָט די מאַמע שיקט איהם אָפּ צום טאַטען, מיט וועלכען זי האָט זיך געג׳ט, און דער טאַטע — צוריק צו דער מאַמען („צווישען טאַטע און מאַמע״) — זענען קאַנדידאַטען אויף די שפּעטער-דיגע טיפען נאָמבערג׳ס: זיי וועלען איינגיכען, אם ירצה השם, אַוועק-לאָזען זיך און די גרויסע שטעדט, וועלען זיך בעזעצען דאָרט ערגיץ אויפ׳ן פיגפטען שטאָק, אין ענגע צימערלעך, וועלען זיך קליידען „דייטש״, וועלען אומגעהען מיט ביכלעך אונטערן אָרעם און זוכען

„שטונדען" און גמילת חסדים, און מיאש זיין זיך פון זיך אַליין, און פילאָזאָפירען וועגען דער וועלט, וועגען בודדאַ און שאָפּענהויער און אַרויסגעבען פון זיך די פליגעלמאַנ'ס און די בענדער'ס און די שוואַרצוואַלד'ס און די שייקער'ס און די שלימזל'ס,—אָט די אַלע לייט פון דער יודישער באָהעמע, וואָס זענען צוקריגט מיט זיך אַליין, אָבער נאָך מעהר מיט די אַרומיגע, און זענען אייגענטליך גאָר נישט קיין גרופּע, נאָר אַ סומע פון יחידים, וואָס לעבען יעדערער פאַר זיך, יעדערער מיט זיין אומעט און מיט זיין איינזאַמקייט...

---

2.

„שווייג, שוועסטער". די העלדין פון דער ערצעהלונג איז פעליאַ פיינשטיין. אַ יונג, שען מיידעל. דאָך האַלט זי שטענדיג ביי זיך אַ פלעשעלע ציאַן-קאַלי. אַמאָל האָט זי דערפיהלט, אַז ס'איז געקומען די מינוט. זי איז געלעגען אויפ'ן בעט און האָט זיך געזעגענט מיט איהר לעבען. האָט זיך איהר געדוכט, אַז „עפּיס אַ פאַרביגע ליכטיגקייט, וואָס האָט געשטאַמט פון איהר אייגענעם וועזען, איז געלעגען אויסגעגאָסען אויף אַלעס און האָט געגעבען גאָר אַ נייען קאָלאָריט דער וועלט אַרום, איהר אַליין, איהרע אַלע געדאַנקען און געפיהלען. אַלץ האָט זיך איצט אויסגעדוכט צו זיין שטיל, רוהיג און געבענשט אין זיך" — — — — זי איז גרייט געווען צו נעהמען זיך דאָס לעבען, — און אַרום האָט געהערשט אַ שטילע, אין זיך געבענשטע רוהיגקייט, און אויף אַלץ איז אויסגעגאָסען געווען עפּיס אַ ליכטיגקייט, און די ליכטיגקייט האָט געגעבען דער וועלט גאָר אַ נייעם קאָלאָריט — — — איז עס נישט נאָמבערג'ס ליכטיגקייט? איז עס נישט די זון, די צאַנקענדיגע, שטילע זון, צו וועלכער עס ציהען זיך אַלע נאָמבערג'ס העלדען? איז עס נישט די זון פון נירוואַנאַ, פון זיין און נישט-זיין, די זון וואָס גלעט און בעפּרוכפּערט נישט, וואָס ברענט און צאַנקט „אויפ'ן גרעניץ פון טויט און לעבען", אויפ'ן גרעניץ פון דער וועלט, „וואו ליידען זענען אונמעגליך, וואו קיין זאַך שרעקט מעהר נישט, וואו מען בענקט נישט און מען פערלאַנגט גאָרנישט"?

און איז עס דער טויט, וואָס רייסט איבער דאָס לעבען און

פיהרט מיט איהם אַן׳אייביגען קאַמפף? ניין, ס׳איז דער טויט, וואָס גיסט זיך צונויף מיט׳ן לעבען, און מאַכט מיט איהם שלום.

אויפ׳ן וואַנד אין דער קאַוויאַרניע, וואו עס זענען אַמאָל געזעסען „שייקער און שלימזל", איז געהאָנגען אַ בילד. אויסגעריסעוועט אויפ׳ן בילד איז געווען דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען, פון דער בליהענדיגער קינדהייט ביז דער גרויער איינגעהויקערטער עלטער. שייקער האָט זיך פערקוקט אויפ׳ן בילד, און אַ פילוסופישער געדאַנק איז איהם אַרויף אויפ׳ן זינען: „דער דאָזיגער מאַלער האָט פערפעהלט אויסצוריסעווען נאָך דעם ניינציגיאָהריגען אַלטען אַ טויטען מיט אַ קבר". לויט שייקער׳ס געשמאַק איז אויף דעם בילד, וואו ס׳איז אויסגעמאָלט דעם מענשען׳ס לעבען, דער קבר פונקט אַזוי נויטיג, ווי... דאָס קינדישע וויג-בעטיל; דער קבר איז אין זיינע אויגען נישט דער היפך, נישט דער סוף, נאָר דער המשך פון לעבען. „מורא האָבען, זאָגט שייקער, אונזער „פילוסוף", — מורא האָבען דאַרף אַ מענש פאַרביידע נישט: נישט פאַר׳ן לעבען, נישט פאַר׳ן טויט". דאָס איז דאָן קישאָט׳ס אַן׳אַפאָ-ריזם; אין דער אמת׳ן האָבען די קליינע קאַריקאַטורען אויפ׳ן גרויסען דאָן-קישאָט פאַר׳ן לעבען שטאַרק מורא, זיי ווייכען פון איהם; אויפ׳ן טויט אָבער וואַרטען זיי טאַקי מיט אַ זיסער, מיט אַ ביטערער בענקע-ניש. זיי בעגעגענען איהם מיט אַ מידען, אָבער רוהיגען שמייכעל, און אויב זיי זעהען אין איהם די העכסטע מדרגה פון לעבען, איז עס נישט, ווייל ער בעהאַלט פאַר זיי אַ העכער לעבען, נאָר ווייל אין זייע-רע אויגען איז עס די איינציגע תקופה, וואָס ווייס נישט פון מאַטער-ניש, פון ליידען, פון אומרוה און פון קאַמפף, די איינציגע תקופה, וואָס איז געבענשט מיט שטילקייט און רוהיגקייט.

דערפאַר לעבען נאָמבערג׳ס העלדען אַלע, ווי פעליא פיינשטיין,— „אויף דערוויילֿ". אַלע האַלטען זיי ביי זיך אַ פלעשעלע ציאַן קאַלי. אַלע שטעהן זיי אויפ׳ן שוועל פון טויט. אויב זיי בלייבען לעבען, איז עס נאָר, ווייל יעדע מינוט זענען זיי גרייט צו שטאַרבען. אויב זיי שטאַרבען נישט, איז עס, אָדער ווייל זיי האַלטען עס פאַר איב-ריג: צו וואָס שטאַרבען, ווען מען קאָן דעם טויט, די נירוואַנאַ, אַריבערטראָגען אין לעבען אַריין, אָדער—ווייל נעהמען זיך דאָס לעבען פאָדערט דאָך אַ געוויסע ענערגיע. נאָמבערג׳ס העלדען האָבען מוט, אָבער זיי האָבען נישט די קראַפט צו שטאַרבען. זיי האָבען נישט די קראַפט זיך אַ ריהר צו טון פון אָרט, פון דער פערגליווערטקייט, אין

וועלכער זיי זענען אַריינגעטון, בלייבען זיי לעבען אפילו, ווען זיי האָבען שוין קיין שום שייכות נישט צום לעבען, בלייבען זיי לעבען מיט אַ געשטאָרבענעם ווילען, מיט אַ ווילען צום טויט...

אויב אין נירוואַנאַ, אין זיסער פערגליווערטקייט, אין אונבעוועגליכקייט, קאָן זיין פּאָעזיע, קאָן זיין ליריזם, איז גאָמבערג דער פּאָעט, דער ליריקער פון נירוואַנאַ, וואו עמיץ אָהן אויגען און אָהן אַ געזיכט שטעהט און פאַכט שטילערהייט מיט אַ געהיימען ווייסען פליגעל און פערשפרייט אַרום לייטזעליגקייט און רוה. הערט, וואָס ער דערצעהלט: „אַ ווילדער פערלאַנג האָט מיך געצויגען אַהין, צו דעם אָבגרונד דאָרט. ער האָט זיך געדוכט צו רופען און צוצוזאָגען גליק און רוה אין זיין טיפעניש. איך האָב געפיהלט, אַז געהענדיג אַהין, וועל איך מעהר נישט צוריקקומען; איך בין געבליבען שטעהן פערזונקען אין געדאַנקען. פון הימעל אויבען האָבען געוואונקען די שטערן און האָבען דערצעהלט פון אייביגקייטען, וואָס פאַר זיי איז גלייך פרייד אוןליידען, גליק און אומגליק, לעבען און טויט" („צווישען בערג"). ווען די שטערן דערצעהלען נאָר פון אייביגקייטען, וואָס פאַר זיי איז גלייך לעבען און טויט, איז שוין דער וועג, וואָס זיי, די קאַלטע שטערן, בעלייכטען, דער וועג פון טויט: דאָס לעבען קאָן נישט זיין גלייך צום טויט. איז עס נישט בעסער, איז בעסער דער טויט — — — מיט וואָס פאַר אַ שטילער איינגעהאַלטענער, אָבער דאָך פערליעבטער ענטציקונג בעשרייבט גאָמבערג די מינוט, ווען פעליא פיינשטיין קלויבט זיך אויסצוטרינקען דאָס פלעשעלע קאַלי... „זי האָט זיך אויסגעטון און אָנגעטון קלאָרע וועש, דערנאָך האָט זי איבערגעצויגען די קישענס מיט ווייסע ציכלעך, איבערגעטוישט דאָט ליילעך, אַזוי, אַז איהר געלעגער האָט געבלאַנקט שפּאָגעל ווייס און ניי, אין איין ..עמד האָט זי זיך געשטעלט פאַר'ן שפּיגעל, האָט אויפגעפלאָכטען איהרע שוואַרצע האָהר — דאָס שענסטע, וואָס איהר איז געבליבען, און האָט זיי געלאָזט אַראָבפאַלען פריי איבער איהר קאָפּ און מיט שטילע רוהיגע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך געלעגט. זי האָט זיך נישט געאיילט. זי האָט זיך אַריינגענומען אין זינען שטאַרבען רוהיג און שען, נישט אין איילעניש און חאַפּעניש, נישט אין אַ אויפגערעגטער מינוט" — — —

„זי האָט אויסגעצויגען איהר שלאַנקען קערפּער אין בעט, גלייך אַראָבגעלאָזט די הענד איבער דער דעק, האָט צוגעמאַכט די אויגען

און זיך פערטראַכט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם נאָהענטען טויט און ער האָט זי נישט געשראָקען״... זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, „ווי איהר קערפּער ליגט פערגליווערט אין בעט, די אויגען פערמאַכט, דאָס פּנים בלאַס, דאָס האַרץ שלאָגט נישט מעהר, דער מוח איז אָנגעגאָסען מיט בליי, און ערגיץ, ערגיץ איז נישטאָ מעהר קיין שפּור פון דעם שווערען קלעמעניש; איהר איז שוין איצט פרעהליך געוואָרען ביים געדאַנק, אַז איהר האַרץ וועט זיין פריי פון דעם געפיהל, וואָס האָט עס געשטיקט טאָג און נאַכט, ווי אַ שטיין. אויף איהר טיעף פערטראַכטען פּנים מיט די פערמאַכטע אויגען איז דורכגעלאָפען עפּעס אַ שמייכעל״.

דער שמייכעל פון נירוואַנאַ.

מיט אַזאַ שמייכעל שטאַרבט אַ מענש, וואָס דער טויט, דער זעלבסטמאָרד, איז פאַר איהם נישט קיין פינסטערע קללה פון גאָט, נישט קיין אויסברוך פון יאוש, נאָר עפּיס אַ אינטימער אַקט, אַ לאַנגאָנעדיגער טרוים, אַ שטיל געבעט, אַ תּפלה צום גאָט פון בודדאַ— עפּיס אַ „מיתת נשיקה״!

3.

אַזוי שטאַרבען נאָמבערג׳ס העלדען און — דאָס איז נאָך וויכטיגער — זיי לעבען אַזוי, זיי לעבען און אויפ׳ן לעבענסוועג בעגלייט זיי דער מלאך פון טויט, און אויף די ליפּען שוועבט דער שמייכעל פון טויט. „אויף שוואַרצוואַלד׳ס פּנים ליגט אַ שטילקייט און אַ רוהיגקייט — אַ רוהיגקייט פון אַ טויט פּנים״. פעליאַ פיינשטיין שרייבט פאַר׳ן טויט: „איך שטאַרב, שוועסטער. אייגענטליך בין איך שוין לאַנג געשטאָרבען״. דאָס איז נישט פעליאַ׳ס ודוי אַליין, דאָס איז דער ודוי פון אַלע נאָמבערג׳ס העלדען. זיי זענען „אַלע שוין לאַנג געשטאָרבען״. די, אין וועלכע עס שלאָגט נאָך אַ לעבעדיגער אָדער, זענען געגליכען צו די מתים, וואָס שרייען: „טאַנצען, טאַנצען!״ — אין פּרצ׳ס „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק״. זיי ווילען טאַנצען, פּרובען טאַנצען — און הויבען נישט די פיס, און שטעהען אויף איין אָרט; ביין ערשטען קרעה פון האָהן ווערען זיי דערשראָקען און געהען צוריק אַוועק אין

זייער רוה אַריין. נאָמבערג׳ס העלדען געהען אויך אַוועק **רוהען**, מידע און דערשראָקענע, נאָך דעם ערשטען לעבענס-טאַנץ, נאָך דעם ערשטען מתים-טאַנץ, וואָס זיי פּרובען געהן און קאָנען נישט. טאָמער איז אין איינעם פון זיי פאַרהאַן נאָך אַנ׳אמת׳ער לעבענס-אָדער, אַ ביסעל הייס בּלוט, ווערט דערפון נישט קיין כח, וואָס אַרבייט, וואָס זוכט, ווערט דערפון נישט קיין האָפנונג, וואָס איז געזונד און אַקטיוו, נאָר עפּיס אַנ׳איינגעשפּאַרטע וואַרטעניש, אַ פּאַסיווער, אַ קראַנקער, אַ בלינדער בטחון, אַ מאַניע, אַ אידעע פיקס. אַ שטייגער גורשטיין אין דער „גאָלדענער פאַנטאַזיע״. גורשטיינ׳ס פאַנטאַזיע איז — צו ווערען אַ גביר. אָבער ווען מען זאָל נישט רעכענען דאָס, וואָס ער וויל שפּיעלען אויף דער לאָטעריע, טוט ער לחלוטין און אַבּסאָלוט גאָרנישט, זיין פאַנטאַזיע זאָל מקוים ווערען. ער פערדיענט זיך אפילו אויף דער חיונה נישט, ער לעבט פון גמילת חסדים. אַז מען פרעגט ביי איהם: „צו וואָס לעבט איהר?״ בלישצעט אין זיינע אויגען אויף עפּיס אַ פייער׳ל (די לאָטעריע!) און ער ענטפערט, ציהענדיג מיט די אַקסלען: — נישט מיין זאַך... איך לעב. דער איין און איינציגער טראָפען בלוט, וואָס אין איהם איז נאָך פאַרהאַן, איז גענוג איהם שפּעטער משוגע צו מאַכען, ער איז אָבער קנאַפּ צו מאַכען איהם זאָרגען, קנאַפּ אויף צו צושטערען זיין „רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט״. און זיין בעקאַנטער דערצעהלט וועגען איהם: „פויל איז ער געוועזן ביז גאָר, נישט נאָר צו אַרבייטען, עפּיס צו טון, אפילו צו טראַכטען און קאָמבינירען מיט זיין אייגענעם מוח האָט ער פיינט געהאַט״. **נישט זיין זאָרג.**

בענדער („דאָס שפּיעל אין ליעבע״). אויך אַ טיפּישע פיגור נאָמבערג׳ס, אַ מצבה אויף זיך זעלבּסט. — בענדער האָט איינמאָל דערפיהלט, אַז „ער דאַרף זיך נוקם זיין אָן איהר (אָן מאַניען), אַריינלאָזען איהר אַ קויל אין דער ברוסט און טויטען זי אויפ׳ן אָרט״... מיינט איהר, אַז ער איז חלילה וחס בעגאַנגען אַ פערברעכען? — שרעקט זיך נישט: אַ יודישער גזלן! — „און ווידער אַ מאָמענט, דערצעהלט דער שרייבער, — האָט זיך זיין גייסט בערוהיגט, און דער געדאַנק וועגען טויט האָט זיך אָבגערופען פון אַ ווינקעל מוח״...

דאָס איז ביי נאָמבערג׳ן אַ כלל: ווען „דער גייסט בערוהיגט זיך״, הייסט עס, אַז ערגעץ פון אַ ווינקעל מוח רופט זיך אָב דער געדאַנק וועגען טויט, — דער זיסער חלום פון נירוואַנאַ. ביי בענדער׳ן

האָט אָבער ערגיץ וואו אין אַ ווינקעל מוח פון שטענדיג אָן גערוהט, גרייט אויפצעוואַכען, „דער געדאַנק וועגען טויט": פון קינדהייט-יאָהרען אָן, איז ער זיך מודה אין איין אָרט, האָט ער געפיהלט, אַז אויב ער וויל, קאָן ער „ווערען רוהיג, גאָר רוהיג" („בריעף"). נאָמבערג גלויבט, אַז בענדער איז נישט געוואָרען, נאָר געבוירען בענדער. דאָס איז אַ טעות; נישט קיין לאָגישער — אַ פּסיכאָלאָגישער; אַזוינע טעות'ן זענען פאַר די, וואָס בעגעהען זיי, אמת'ער, — נאַטירליכער — ווי אַנדערע אמת'ן: בענדער'ס נירוואַנאַ-פאַסיווקייט איז פאַר נאָמבערג'ן נישט קיין מקרה-זאַך, נישט קיין רעזולטאַט פון אויסוועניגסטע בעדינגונגען, נאָר אַ געזעץ, אַ אינוועניגסטער מוז, און בענדער איז נישט קיין צופעליגער פּאַרשוין, ער איז דער העלד פון אַלע נאָמבערג'ס ערצעהלונגען. פון אָט די אַלע ערצעהלונגען האָט געקאָנט ווערען איין גרויסער ראָמאַן מיט איין צענטראַלער פיגור: בענדער. אויב נישט בענדער איז פליגעלמאַן, אָדער שוואַרצוואַלד, אָדער יצחק טויבקאָפּ, אָדער גוטמאַן („אויף איין קוואַרטיר"); אויב נישט, איז זיין חבר פיינער, אויב נישט, איז דער לעהרער, וואָס „אין אַ חסידיש הויז"... דאָס זענען אַלע נשמות פון איין און דעמזעלבען אוצר, איין בוך אין אַ סך עקזעמפּליאַרען, אין פערשיעדענע אויסגאַבען און אַ פערשיעדענעם פאָרמאַט; ליובאַ פידלער („קורסיסטקע") אָדער פעליאַ וויינשטיין איז אויך מעהר נישט ווי בענדער אין אַ קליידעל, מעהר נישט, ווי די „בחינת-נקבה" פון פליגעלמאַן.

פליגעלמאַנ'ס ביאָגראַפיע איז די ביאָגראַפיע פון אַלע נאָמבערג'ס העלדען, די ביאָגראַפיע פון מענשען, וואָס זענען „שוין לאַנג געשטאָרבען", כאָטש זיי בלאָנדזשען אַרום אין די גאַסען, ווי „שוואַרצע שאָטענס".

חאָטש פליגעלמאַן לעבט נישט, חקרנ'ט ער זיך דאָך וועגען לעבען. ווייל ער לעבט נישט חקרנ'ט ער זיך, און זיין ביאָגראַפיע איז אייגענטליך די ביאָגראַפיע פון זיין חקרנות. „שענקייט, זאָגט אונזער פילוסוף, — „שענקייט איז אַלץ". קאָן זיך דאָך אייך דוכטען, אַז ס'איז נישט אַ פילוסופישער געדאַנק גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, נאָר מען מיינט עס טאַקי איהם אַליין, פליגעלמאַנען, — האָט איהר אַ טעות. ביי פליגעלמאַנען אַליין איז אַלץ דער היפך פון שענקייט, הגם ער וואוינט אין אַ צימער, וואוהין „עס שיינט אַריין די לבנה ביינאַכט". שענקייט מוז מען געניסען, און גענוס איז אַ זאַך, וואָס מען

מוז דערפֿאַר קעמפפֿען: בענקעניש אַליין איז אַ קנאַפּע סגולה דערצו. און אויך די לבנה אין פֿענסטער איז אַ קאַלטע רפֿואה. דיאָגענעס אין פֿאַס קען אין בעסטען פֿאַל געניסען די נאַטור, די זון, אויב אַלכּסנדר פֿערשטעלט זי נישט אָבער נישט די שענקייט פֿון מענשליכען לעבען, וואָס נאָר, ווען מען לעבט זי, זעהט מען זי. פֿליגעלמאַן אָבער לעבט נישט, ער רעדט נאָר וועגען לעבען, דערפֿאַר פֿעהלט איהם אויך די א.-ווענינסטע שענקייט, די שענקייט פֿון ליידען: ליידט ליידט נאָר דער, וואָס לעבט. נעהמט דאָס לעצטע בלאַט פֿון זיין געשיכטע. אַ אויסגעמאַטערטער, אַ פֿערביטערטער לאָזט ער זיך אַוועק אינסטינקטיוו דורך די שוואַרצע נאַכט-גאַסען צום בריק. איהר וואַרט אויף אַ קאַטאַס-טראָפֿע. איהר וואַרט אויף דעם, ווי אויף אַ נאַטירליכען סוף. עס שרעקט אייך נישט, פֿערקעהרט, עס קאָן זיין, ערגיץ טיף אין אַ פֿאַרבאָרגענעם פֿינסטערען ווינקעל פֿון אייער נשמה זייט איהר צופֿריע-דען, וואָס אייער אָרימער פֿריינד, וועלכער האָט נישט געקאָנט לעבען ווי אַ מענש, וועט לכּל הפּחות שטאַרבען, ווי אַ מענש; אייער אָרימער פֿריינד, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין כּח צו געבען זיך לעבען, וועט כאָטש האָבען קראַפֿט נעהמען זיך דאָס לעבען. אָבער ניין! אָנ-שטאָט אַריינצופֿאַלען אין טייך, פֿאַלט ער אַריין אין... „אוטשאַסטאָק"!

די טראַגעדיע ענדיגט זיך מיט — אַ פֿאַרס.

נאָר די טראַגעדיע, וואָס ענדיגט זיך מיט פֿאַרס, איז זי נישט פֿון אָנהויב אָן אַ פֿאַרס?

כ'האָב געזאָגט, אַז פֿון אַלע נאָמבערג'ס נאָוועלען קאָן מען מאַ-כען איין ראָמאַן מיט איין העלד: פֿליגעלמאַן. אָבער פֿליגעלמאַן טויג נישט פֿאַר אַ ראָמאַן, ער איז אַ העלד פֿון אַ וואָדעוויל. אָט הערט זיך נאָר צו: „לעבען אָהן ליעבע האָט נישט קיין אינערליכע בערעכטיגונג", אַזוי זאָגט דער פֿילוסוף פֿליגעלמאַן. וואָס-זשע טוט ער, כּדי אינער-ליך צו בערעכטיגען זיין לעבען? איהר ווייסט, וואָס ער טוט? דורכ'ן פֿענסטער פֿערליעבט ער זיך אין עפּיס אַנ'אונבע-קאַנט מיידעל, וואָס געהט אַרויס אַנטקעגען זיין צימער אויפֿ'ן באַלקאָן: ביינאַכט קומט דאָס מיידעל צו איהם אין חלום, אָבענד-צייט קוקט ער אויף איהר מיט מעלאַנכאָליש-פֿערבענקטע אויגען דורך די שויבען פֿון זיין פֿענסטער, פֿון וועלכען ער ציהט אַראָב דעם פֿאָרהאַנג און, ווען דאָס מיידעל גיט אויף איהם... אַ מיידעלשען קוק, הויבט ער זיך אָן

שטאַרק צו „קאָנפוזען״ פאַר אַזאַ מין אייגענאַרטיגער „בערעכטיגונג פון לעבען״, געהט שנעל אַוועק פון פענסטער און איז צופריעדען, וואָס... ער האָט זיך „מנצח״ געווען!

פליגעלמאַנ׳ס אַ נצחון.

ענדיגען ענדיגט זיך דער „ראָמאַן״ דערמיט, וואָס דעם מיידעל פון באַלקאָן ווערט לאַנגווייליג און, ווען פליגעלמאַן הויבט זיך אָן שטאַרק אין איהר איינצוקוקען, שטעקט זי איהם אויס... אַ צונג! איז עס אַ טראַגעדיע? וואו די ליעבע-ראָמאַנטיק איז אַ מעלאַנכאָלישער קוק דורכ׳ן פענסטער אין אַ בלאַסער לבנה-נאַכט, און די דראַמאַ פון דער ליעבע איז — די אויסגעשטעקטע צונג, — דאָרט איז נישטאָ קיין טראַגעדיע. דאָרט איז דאָ טויט.

בעת פליגעלמאַן כאַפּט זיך אויף אין דער פריה אין אוטשאַסטאָק און דערזעהט פאַר זיך אַ פּאָר שליפעס מיט אַ שווערד און דערהערט אַ שטרענג קול, בליצט אויף עפּיס אַ געדאַנק אין זיין קאָפּ און ער זאָגט:

— איך האָב די עהרע אונטערטעניגליך צו בעטען... בעגראָבט מיך! איך האָב אַ פּאַספּאָרט, אָט!

רעדט ער „פון וועג״? יאָ, אַ פנים „פון וועג״, אָבער ס׳איז גאָר נישט אַזוי קרום, וואָס ער בעט, מען זאָל איהם בעגראָבען; ער איז אַ בר-מינן, און אויב איהר בעגעגענט איהם אין גאַס, נעהמט אַ פּושקע אין האַנד און שרייט: צדקה תציל ממות!

4.

די פליגעלמאַנס און די שוואַרצוואַלדס, די „שוואַרצע שאָטענס״ אין מאַנסבילשען אָדער ווייבערשען קאָסטיום, קאָנען איבערחזר׳ן וואָרט אין וואָרט נאָך בענדער׳ן: „איך בין איינזאַם און עלענד, און קיין מענש, און קיין זאַך עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל דערויף קאָנען זאָגען: אָט דאָס האָב איך ליעב, אָט דאָס האָב איך מיר אויסדערוועהלט, אָט דאָס געהערט מיר״. קיין זאַך ליעבען זיי נישט, די דאָזיגע נירוואַנאַ-קאַנדידאַטען, דערפאַר ווייסען זיי נישט פון אמת׳ע ליידען: ליידט נאָר דער, וואָס ליעבט. די ליעבע-

טראַגעדיע פון נאָמבערג׳ס העלדען בעשטעהט נישט דערין, וואָס מען ליעבט זיי נישט, נאָר אין דעם, וואָס זיי ליעבען נישט. די טראַגעדיע פון דער אימפּאָטענץ? ניין! די טראַגעדיע זייערע ליגט אין דעם, וואָס זיי האָבען נישט קיין טראַגעדיע. וואו ס׳איז נישטאָ קיין דראַמאַ — קיין דראַמאַטיזם, קיין בעוועגונג, קיין אַקטיוויטעט — דאָרט איז נישטאָ קיין טראַגעדיע. מאַניע איז געריכט, ווען זי האָקט איבער אָהן קיין שום רחמנות די טרויעריגע רייד פון בענדער, מיט וועלכען זי „שפּיעלט זיך אין ליעבע״:

— אייך, בענדער, זאָגט זי, דאַרף מען נאָר געבען און געבען. איהר שטעהט שטענדיג מיט אָפּענע הענד און וואַרט, מען זאָל אייך געבען. און שטענדיג קלאָגט איהר אייך, און שטענדיג בלייבט איהר געריכט. פאַרוואָס נעהמט איהר נישט דאָס גליק, אויב איהר ווילט עס? א. אז. וו („דאָס שפּיעל אין ליעבע״).

אַ סימן, אַז בענדער וויל נישט דאָס גליק, ווען ער נעהמט עס נישט אַליין מיט די אייגענע כחות, אַ סימן, אַז ער האָט חשק, אָבער נישט קיין ווילען צום גליק. אמת, ער איז צום לעבען נישט צוגעפּאַסט און קאָן נישט אַזוי לייכט „נעהמען דאָס גליק״, ווי אַנדערע. אָבער פאַרוואָס זוכט ער נישט, פאַרוואָס מאַטערט ער זיך נישט צוצופּאַסען דאָס לעבען צו זיך? פאַרוואָס געהט ער, אַזוי ווי אנכי׳ס גבריאל, „בי״ם זייט פון מענשען און זייער לעבען״, און נישט אין רעכטען מיטען נישט בראש פון זיי? דער תּירוץ איז: ער איז אַן׳איינזאַמער, און נישט יעדער איינזאַמער איז, ווי איבסען מיינט, דער שטאַרקסטער. נאָמבערג׳ס איינזאַמע זענען די שוואַכסטע, ווייל די פּאַסיווסטע: אַלץ וואָס לעבט און בעוועגט זיך אַרום, איז פאַר זיי נאָר אַ טעמע צו פילאָזאָפירען.

זיי אַליין זענען פאַר זיי אויך נאָר אַ טעמע צו פילאָזאָפירען, זיי זענען אינקוויזיטאָרען איבער זיך אַליין, זיי צושניידען און צופּיצלען זייער אייגענע נשמה, זיי פּאַלמעסען זי, ווי מען פּאַלמעסט אַ טויטען, אַ זעלבסטמערדער; זיי שטעהען אייביג איבער זיך מיט׳ן שאַרפען, קאַלטען מעסער פון זעלבסט-אַנאַליז, מיט דעם „שווערד פון שטראָף״, וואָס אויב זיי בענוצען איהם נישט, איז עס נאָר, ווייל שטראָפען שטראָפט מען דעם, וואָס מען ליעבט, אָדער דעם, וואָס מען האַסט, און זיי ליעבען זיך נישט און האַסען זיך נישט; זיי זענען גלייכגילטיג צו זיך אַליין, אַזוי ווי צו דער גאַנצער וועלט, וואָס

אַרום, נאָר אַמאָל טרעפט זיך, אַז זיי האָבען רחמנות אויף זיך אַליין. אָבער רחמנות איז דאָך אַ געפיהל, וואָס שוואַכט אָב דעם מענשען, נישט עס שטאַרקט איהם. און ווי לאַנג דויערט רחמנות? ליעבע לעבט, ביז וואַנען זי ווערט נישט בעפרידיגט; רחמנות בעפרידיגט זיך אַליין — — — „שטענדיג, שרייבט בענדער, איז דאָס געפיהל אָבגעשטאָרבען אין האַרצען, איידער ס'איז נאָך אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט". עס איז ווייניג צו טראָגען געפיהלען אין זיך, מען מוז זיי אויסטראָגען און אַרויסטראָגען זיי אויף דער ליכטיגער וועלט. דאָס איז בענדער נישט בכח; זענען די געפיהלען זיינע — מפיל־געפיהלען: זיי שטאַרבען איידער זיי ווערען געבוירען. „איך הער, שרייבט ער, מענשעןריידען וועגען ליעבע, האַס, קנאה און פערשיעדענע אַנדערע זאַכען. טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז זיי פלוידערן נאָר, אַז זיי זענען נישט וואָהרהאַפטיג, אַז אין דער אמת'ן, איז אויף דער וועלט נישטאָ נישט קיין ליעבע, נישט קיין האַס, נישט קיין קנאה און דאָסגלייכען. עס זענען פאַרהאַן נאָר טויזענדער פערשיעדענע פאַרבייגעהענדיגע געפיהלען, נישט עהנליכע איינס צום צווייטען; דער מענש אַליין ענדערט זיך פון מינוט צו מינוט"... („ברייף"). בענדער קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלען, אַז מענשען זאָלען האָבען געפיהלען, וואָס זענען נישט פאַרבייגעהענדיג, געפיהלען, וואָס ענדערן זיך נישט פון מינוט צו מינוט. איז עס דערפאַר, ווייל בענדער פיהלט נישט? ניין. ס'איז, ווייל זיין פיהלען איז אַ שוואַכעס. דער זעלבסט־אַנאַליז, די אייביגע רעפלעקסיע צוברעקעלט זיינע געפיהלען און זויגט אויס פון זיי די לעבענס־קראַפט. „איך קאָן, זאָגט ער, נישט לעבען, ווייל איך בין קלוג, ווייל איך האָב אָפענע אויגען"...

דאָס גאַנצע אומגליק פון נאָמבערג'ס פאַרשוינען איז, וואָס זיי זענען „קלוג", וואָס זיי קלערען וועגען אַלץ; ווען זיי וואָלטען ווייניגער געקלערט, וואָלטען זיי אפשר שטאַרקער געפיהלט...

---

## 5.

נאָר ווייל זיי פיהלען שוואַך און קלערען שטאַרק האָבען זיי אויף אַלץ אַ ערקלערונג: „פערשטעהן הייסט פערגעבען". זיי פער־

שטעהען אַלץ און זענען סוף כּל סוף מוחל אַלעמען. אָבער זיי איז קיינער נישט מוחל, קיינער איז זיי נישט מוחל זייער גלייכגילטיגקייט.

„צו וואָס לעבט אַזאַ מענש״? — פרעגט וועגען שוואַרצוואַלד׳ן סאָניאַ, אַ ווייב פון בלוט און מוסקעלן, אַ לעבעדיגער אַנטיטעזיס פון׳ם טויטען נירוואַנאַ-טעזיס.

צו וואָס לעבען אַזעלכע מענשען, ווען אָנשטאָט ליעבע האָבען זיי „בענקשאַפט״, אָנשטאָט ליידען — קלעמעניש, אָנשטאָט קאַמפף — מאַטערניש, אָנשטאָט לעבען — אַ פלעשעלע ציאַן-קאַלי?

צו וואָס לעבען אַזוינע מענשען?

— ער לעבט, ווייל ער לעבט. צו וואָס לעב איך, צו וואָס לעבסטו?

אַזאַ ענטפער בעקומט סאָניע און אַז מען פרעגט ביי גורשטיינע׳ן: „צו וואָס לעבט איהר? צו וואָס?״ ענטפערט ער אויך דאָס זעלבע „נישט מיין זאָרג — — — איך לעב״. נאָר גורשטיין האָט נאָך עפּיס אַ פאַנטאַזיע, אַנ׳איינריידעניש, אַז ער מוז רייך ווערען; אַנדערע נאָמבערג׳ס פאַרשוינען האָבען דאָס אויך נישט. און כאָטש זיי זענען אַלע אינטעליגענטען און אַנדערע האָבען אַפילו פּראָפעסיעס כלומרשט, געהערען זיי דאָך אַלע צו דעם אינטעלעקטואַלישען... לומפּען-פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבען קיין שום חלק נישט אין דער גייסטיגער פּראָדוקציע. געניסען געניסען זיי נאָך פון איהר וואָס עס איז און ווי עס איז, נאָר אויפטון טוען זיי גאָרנישט נישט אויף: דאָס אָבגעקיהלטע בלוט, די ווילענסלאָזיגקייט האָט, אַ חוץ פּאַראַזיטיזם, נאָך קיינמאָל גאָרנישט געשאַפען.

נאָר ווען זיי, די פליגעלמאַנ׳ס און די שוואַרצוואַלד׳ס, וואָלטען געווען נאָר איינציגע צופעליגע פיגורען, וואָלטען זיי אונז אינטערעסירט, נאָר ווי אַ ליטעראַרישע און ווי אַ פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג. אין דער אמת׳ן אָבער איז אין דעם אומעט, אין דער וויסטקייט פון זייער נשמה, אין דער שוואַכקייט, אין דער אונבעהאָלפענקייט פון זייערע געפּיהלען, אין דער אַפּאַטיע, וואָס פילאָזאָפירט, אין זייערע אונפּרוכטבאַרע אונטראַגישע מאַטערנישען, אין זייער בלאָנדזשען אָהן אַ וועג און אָהן אַ צוועק, אין דעם גאַנצען טויטען לעבען זייערן — פאַרהאַן עפּיס אַנ׳-אָנצוהערעניש אויף אַ גרויסען טייל פון דער גאַנצער היינטיגער יודישער אינטעליגענץ. פון אַ גרויסען טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ, ווען

מען זאָל צונעהמען דאָס הייפעלע געזונדטע אָדער מיט אַנ'אמת טראַגישע יחידים, בלייבט — אַ קאָלעקטיווער פליגעלמאַן. ווען מיר זעהען צוויי דאַרע, מידע, איינגעהויקערטע יודישע „וועלט-שמעלצלער" האַלטען אַ וכוח וועגען וועלט-פראַגען, וועגען דעם זין אָדער דער אונזיניגקייט פון לעבען — דערמאָהנען מיר זיך דען נישט אָפט אָן „שייקער און שלימזל"? וואָס טוט זי, אָט די גלייכגילטיגע, אונפרוכטבאַרע לומפען-אינטעליגענץ? זי דרעהט זיך אַרום, ווי אַ גייסטיגער מעקלער, אויף אַלע ירידען, איבער אַלע שיידוועגען, און זי פילאָזאָפירט, און שטעקט אַריין די נאָז, און גיט עצות און זאָגט מוסר און שמייכעלט צו און לאַכט אָב — און געגעצט. פאַר איהרע אויגען שפיעלט זיך אָב די דראַמאַ פון דער וועלט-געשיכטע, פאַר איהרע אויגען שטאַרבען און ווערען געבוירען וועלטען, זונען צינדען זיך אָן און לעשען זיך אויס, און זי שטעהט, ווי אַ אייביגער ליץ, אַמאָל אין אַ טראַגישער, אַמאָל אין אַ טריאומפירענדער פאָזע, און בעגעגענט מיט אַ היסטערישען „הידד!" די וועלטען, וואָס ווערען געבוירען, און די וועלטען, וואָס שטאַרבען, און אין דער זעלביגער מינוט שטעקט זי אויס אַ צונג אי די וועלטען, וואָס ווערען בעשאַפען, אי די וועלטען, וואָס שטאַרבען..... וואָס אַרט עס איהר? דערצעהלט דען נישט איינער נאָמבערג'ס אַ העלד, אַז וועלטען ווערען געבוירען, נישט דורך ליעבע און ליידען, נאָר דורך בראַהמאַ'ס אַ שמייכעל און בראַהמאַ'ס — אַ געניץ?

---

## 6.

די טראַגעדיע פיהרט צום גלויבען, דאָס פעהלען פון דער טראַגעדיע — צום סקעפטיציזם. פון סקעפטיציזם נעהמט זיך גלייכגילטיגקייט, בטול-היש, ציניזם, מ אָ ר אַ ל י ש ע נירוואַנאַ. נאָמבערג'ס העלדען, וועלכע וויסען נישט פון אמת'ן טראַגיזם, קומען, מוזען קומען אין דער לעצטער תקופה פון זייער ענטוויקלונג צום סקעפטיציזם. נישט צום סקעפטיציזם, וואָס שפייט מיט גיפט און פייער און ברענט און רייניגט די לופט, נאָר צום קאַלטען גלייכגילטיגען נירוואַנאַ-סקעפטיציזם. די פריהערדיגע מדרגות זענען: אָהן אַ תכלית זיך מאַטערן, פערביטערונג, פערצווייפלונג, מידקייט, בטול. הויבט מען אָן שמייכ-

לען פון דער וועלט, הויבט מען אָן שמייכלען פון זיך. ד״ר ווײנשטיין (אין דער „קורסיסטקע״), וועלכער געפינט זיך שוין אין דעם לעצטען פּאַזיס פון זיין ענטוויקלונג, אין דעם מצב פון סקעפּטישער אַפּאַטיע, — לאַכט טאַקע פון זיך אַליין: „דאָס וואָרט „אַזוי״ האָט ער אויסגערעדט מיט אַ האַלבען שמייכעל, אין וועלכען ס׳איז געלעגען אַנ׳אַרט איראָניע פון זיך אַליין״. זעלבסט-איראָניע פיהרט צו זעלבסט-פעראַכטונג. ד״ר ווײנשטיין פעראַכטעט זיך זעלבסט: „שטענדיג קליינליכקייטען, שטענדיג האַלבקייטען, אָהן קראַפט, אָהן מוט... ני-דעריג, מאוס!״

---

## 7.

מעהר פון אַלע אָבער פערהאַסט און פעראַכטעט זיינע העלדען דער שרייבער אַליין. אפשר, ווייל ער איז פערבונדען מיט זיי, וויל ער זיך פון זיי בעפרייען... איבסען, ווען ער פלעגט אָנשרייבען אַ ווערק, פלעגט ער זאָגען: „איך האָב זיך בעפרייט פון דעם דאָזיגען ווערק״. „פון אַ סך העסליכקייטען מיינע, האָט געשריבען דער גרויסער רוסישער סאַטיריקער גאָגאָל, — פון אַ סך העסליכקייטען האָב איך זיך בעפרייט דורך דעם, וואָס כ׳האָב זיי איבערגעגעבען מיינע העלדען״. אָט די שרייבער, וואָס גיבען איבער זייער העלד די פערהאַסטע אייגענשאַפטען פון זייער אייגענעם כאַראַקטער, — אָט די שרייבער פערהאַלטען זיך שטענדיג צו זייער העלד מיט עפּיס אַנ׳אונווילען, מיט אַ ביטערער איראָניע. נישט ווי צו אַ קינד, נאָר ווי צו אַ שטיף-קינד, נישט ווי צום אייגענעם בילד, נאָר ווי צו דער אייגענער קאַריקאַטור. זיי פיהלען, אַז דאָס אונגליקליכע בילד זייערס מוז ווערען בעזיגט פון דרויסען און „איבערוואונדען״ פון אינוועניג, און זיי ווילען מיט איהם נישט שטעהן אויף איין ברעט, זיי שטעלען זיך העכער פון איהם. נאָמבערג אין זיינע ווערק שטרעבט שטענדיג צו שטעהן העכער פון זיין בילד, אפילו דאַן, ווען ער האָט אויף איהם רחמנות. דאָס פיהלט זיך אין זיין אַרט שרייבען, אין זיין טאָן, אין דער רוהיגער עפּישער קאַלטקייט, מיט וועלכער ער פערטויבט די ציטערדיגע סטרונעס פון זיין לירישען געמיט; דאָס פיהלט זיך אין דעם לייכטען,

האַלב-פערבאָרגענעם, האַלב-אָפענעם שמייכעל, מיט וועלכען ער בע-גלייט שטילערהייט כמעט אַלע זיינע העלדען.

נאָמבערג׳ס שמייכעל וועט נישט יעדער פערשטעהן, נישט יעדער וועט איהם בעמערקען. נישט ווייל ער איז טיעף פערבאָרגען, פער-קעהרט, ווייל ער איז אויבערפלעכליך, גרינג, „נוגע ואינו נוגע”, ווי מען וואָלט זאָגען אין העברעאיש. און אויך, ווייל אַזוי ווי דער שמיי-כעל, וואָס איז געלעגען אויף די ליפּען פון יצחק טויבקאָפּ, אַזוי האָט אויך דער שמייכעל ביי נאָמבערג׳ן אַ סך פּירושים. עס דוכט זיך אַמאָל, אַז ער אַליין איז נישט זיכער אין דער עכטקייט פון זיין שמייכעל; עס דוכט זיך, אַז פון זיין שמייכעל גופא שמייכעלט ער; אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: אויב איהר ווילט, איז דער „העלד” מיינער קיין העלד נישט, נאָר אַ לעקיש אַ שלימזל, און די מעשה, וואָס איך דערצעהל אייך, איז אינגאַנצען ווערט אַ דרייער! נאָר, צוריקגערעדט, ביי אייך, גוטע, נאַרישע מענשען, קאָן עס אַוועקגעהן פאַר גוט-געלד און, אויב איהר האָט אַ שוואַך האַרץ, קאָנט איהר נאָך פערגי-סען אַמאָל אַ טרער — — וואָרום אין דער אמת׳ן איז אויף מיין העלד אַ ביטערער רחמנות...

און עס טרעפט טאַקע, אַז נאָמבערג אַליין קריגט צו זיין אָרי-מען העלד גרויס רחמנות. דאַן ענטפּלעקט זיך פאַר אונז די גאַנצע ווייכקייט פון זיין ליריזם — — — אַזוינע ווערק, ווי אין „אַ חסידיש הויז”, לעזען זיך, נישט געקוקט אויף דער איראָניע, וואָס שטעקט אין זיי, מיט עפּיס אַ מאָדנעם מיטליידס-געפיהל, ווי אַ אומעטיגער, אינטי-מער בריעף, ווי אַ טאָג-בוך פון אַנ׳איינזאַמען. עס שפּירט זיך, ווי עס לעבען-אויף עראינערונגען, אינטימע זיסע עראינערונגען פון די יונגע יאָהרען; ווי אַנ׳אָנגעצייגענע סטרונע, ווען איהר גיט זי אַ ריהר מיט אַ נישט פאָרזיכטיגען פינגער, אַזוי וואַכט אויף ערגיץ אין אַ ווינ-קעל פון דער נשמה עפּיס אַנ׳אַלטע פערגעסענע בענקשאַפט, אַנ׳אַלטע וואונד, און עס ווערט ווידער אַמאָל איבערגעלעבט דאָס, וואָס ס׳האָט אַמאָל פערשאַפט אַזעלכע ליידענישען, זיסע וועהטאָגען, פערקלע‐טע, שווייגעדיגע מינוטען — — — —

נאָר זעלטען, זעהר זעלטען ערלויבט זיך נאָמבערג אַזוינע סענטימענטען. מעהרסטענטיילס בלייבט ער טריי זיין געלאַסענהייט און קאַלטען, סקעפּטישען שפּאָט-געלעכטער: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע נייגונג אין מיר? איך האָב ליעב זיך צוצוקוקען, ווי עמיץ ראַנגעלט

זיך אומזיסט, רייסט זיך און מאַטערט זיך און קלאַמערט זיך מיט אונ-
מאַכט פאַר׳ן לעבען, ווען קיין שום האָפנונג איז שוין נישטאָ. עפּיס אַ
שפּאָט-געפיהל רופט דאָס אַרויס אין מיין האַרץ, אַ שפּאָט-געפיהל,
וואָס איך ליעב לײדענשאַפטליך („אין אַ זומער-וואוינונג")...
מיר מעגען עס אָננעהמען פאַר דעם שרייבער׳ס אַודוי: מעהר ווי אַלץ
האָט אונזער ערצעהלער ליעב — און מעהר ווי אַלץ ליידט ער פון זיין
„שפּאָט-געפיהל", נאָר ליידענשאַפטליכקייט — דאָס איז אין זיין
שפּאָט-געפיהל נישטאָ; די גוטמוטיגע, קאַלטע גלייכגילטיגקייט פון דעם
קלוג און מיד געוואָרענעם פיהלט זיך אין איהם עפּטער, ווי די הייסע
פעראַכטונג פון דעם אין זיך פעראליעבטען אָבלאַכער — — —

נאָמבערג׳ס ווערק קאָן מען איינטיילען אין צוויי מינים. אין איי-
נע (אין די ערשטע) שטעהט ער פון וויטען און קוקט זיך צו, און
טראַכט זיך אַריין, און מאָלט און קאָפּירט מיט ערנסטקייט און טיעפען
מיטלייד; אין אַנדערע (אין די לעצטע) שטעהט ער אויך פון וויטען
און קוקט, נאָר דאָ קוקט ער שוין מיט אָט דעם שמייכעל, מיט אָט
דער צווייזייטיגער איראָניע, וואָס זאָגט: פון איין זייט איז אויף אייך,
בידנע מענשעלעך, אַ צער בעלי חיים, נאָר פון דער אַנדער זייט
האָט איהר, שוואַכע, קראַנקע נפשות פערדינט, וואָס איהר מוטשעט
זיך אויף דער וועלט! און ווען איך לייען: „וואָס טויגען קליינע,
דאַרע, קראַנקע בוימעליך? גאָט האָט זיין וועלט בעשאַפען פאַר גרויסע
דיקע, געזונטע און שטאַרקע בוימער" („דאָס בוימעל"), — ווען איך
לייען עס, דוכט זיך מיר, אַז דאָס בעדויערט נאָמבערג די פאַרשוינען,
וואָס ער האָט געשילדערט, די פליגעלמאַנס, בענז׳ערס און שוואַרצ-
וואַלדס, ער בעדויערט און פּראָטעסטירט געגען זיי.

---

## 8.

און אָט דאָס איז גוט, וואָס ער פּראָטעסטירט געגען זיי, לאַכט
פון זיי. אויב נישט, וואָלטען מיר, לעזער, פון זיי געלאַכט. און
נישט נאָר פון זיי, מיר וואָלטען פון שרייבער געלאַכט,—פון שרייבער,
וואָס זעהט אַ לעבענס-טראַגעדיע, וואו ס׳איז נישטאָ קיין לעבען...
„וואָס טויגען קליינע, דאַרע, קראַנקע בוימעליך"? וואָס טויגען

זיי אין לעבען, פרעג איך, נישט וואָס טויגען זיי אין דער ליטעראַטור. ווען אין לעבען ביי אונז וואָלטען זיי נאָר אַ צופעליגע זאַך געווען, וואָלט די ליטעראַטור מיט זיי זיך נישט געדאַרפט אָבגעבען: אויב די ליטעראַטור שילדערט אויך דאָס אָדער אפשר דוקא דאָס, וואָס אין דער ווירקליכקייט איז נישטאָ, אויב זי שאַפט אַ נייע ווירקליכקייט, איז זי, די ווירקליכקייט אַ שענע, אַ שטאַרקע, אַ רייכע; זי טראַכט אויס זונען, נישט „שוואַרצע שאָטענ'ס", זי שאַפט צויבער-וועלטען, נישט זייפען-בלאָזען, און ווען די „קליינע, דאַרע בוימלעך" וואָלטען נישט האָבען קיין ברייטע, טיפע וואָרצלען אין לעבען, וואָלט זיי אודאי נישט געלוינט „אויסצוטראַכטען" אָבער די קראַנקע בוימלעך, וואָס נאָמבערג מאָלט, האָבען זיך ביי אונז אין לעבען פונאַנדערגעוואַקסען אין וועלדער גאַנצע, אונענדליכע זומפען בעדעקען זיי מיט די דאַרע שווינדזיכטיגע צווייגען זייערע. די קלענסטע זאַך ווערט גרויס, ווען זי איז גרויס אין צאָהל, און פליגעלמאַן איז ביי אונז נישט איינער. פליגעלמאַנ'ס זענען ביי אונז טויזענדער. פון אָט די צובראָכענע און צוקראָכענע נשמות שוויבעלט און גריבעלט אין דער יודישער גאַס, ווי פון ווערים, וואָס פערקריכען אין אַ קערפער אַ פערפוילטען...

דערמיט האָט זיך געלוינט אָבצוגעבען.

---

## 9.

לאַנג, אפשר צולאַנג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אויף דער עטישער און פסיכאָלאָגישער זייט פון נאָמבערג'ס ווערק. פאַרוואָס? ווייל נאָמבערג איז ביי אונז פון די נישט פיעלע שרייבער, וועלכע האָבען אַ עטישען און אַ פסיכאָלאָגישען טאָן, וואָס ציהט זיך דורך אַלע זייערע ווערק און רייסט זיך כמעט ערגיץ נישט איבער. איז גענוג, עס זאָל זיך ענטפלעקען אָט דער טאָן — און פאַר אונז שטעהט שוין דער שרייבער איינגאַנצען. מען חדוש'ט זיך און מען האָט עפּיס אַ בעזונדער בעפרידיגונג, ווען מען דערפיהלט, אַז אַזאַ אַנאַליטישע, אַזאַ בויגעוודיגע, ווייכע און שוואַנקענדיגע און פערוויקעלטע נאַטור, ווי נאָמבערג, איז דאָך, אין תּוך גענומען, אַ גאַנצע און אין איהר גאַנצקייט איינפאַכע און האַרמאָנישע נאַטור: גאָר נישט מעשה-באָהעמע.

אין דער פּובליציסטיק, וואָס די לעצטע צייט גיט אונזער נאָ־וועליסט איהר אָב כּמעט אַלע זיינע כּחות, — אין דער פּובליציסטיק ביי איהם, מען זאָל זוכען, קאָן מען געפינען אפשר סתירות און דיסאָנאַנ־סען, אָבער ווי ווייט זי איז אינטערעסאַנט, ד. ה. ווי ווייט זי לעבט אויפ׳ן חשבון פון דעם בעלעטריסטישען טאַלאַנט נאָמבערג׳ס, איז אויך אין איהר פאַרהאַן אַ געוויסע איינהייט און שטענדיגקייט פון טאָן, וואָרום די אַרטיקלען-פעליעטאָנען זענען פונקט אַזוי ווי די נאָוועלען נאָמבערג׳ס קאָנסעקווענצען פון איין און דעמזעלביגען לעבענס-ריטמוס.

דאָס איז דער ריטמוס פונ׳ם לעבען, וואָס האָט זיך איינגעמידט צו זוכען זיך אַ ציעל און האָט זיך בערוהיגט, אָדער זוכט זיך צו בערוהיגען. דאָס איז דער ליריזם, וואָס האַלט שוין נאָהענט ביים עפּאָס. עס בענקט זיך נאָכ׳ן שטילען ברעג, און דער ים, וואָס האָט אַמאָל געשטורמט, האַלט ביי ווערען אַנ׳עראינערונג: דער ליריזם פון דער עראינערונג. ער איז ווייך, און זיין ווייכקייט איז אַ שטילע, אַ קיהלע. קוקט זיך צו צום סטיל: אַ נאַטירליכער סדר, אָהן אימפּעט, אָהן מוזיק (מוזיק איז די שפּראַך פון דער ליידענשאַפט, דער נירוואַ־נאַ-גייסט ווייסט נישט פון ליידענשאַפטליכקייט), אָבער אין איהם איז פאַרהאַן אַ ריטמוס, — דער ריטמוס פון דער געלאַסענקייט, וואָס איז אַ מתּנה נישט אַזוי פון דער נאַטור, ווי פון דער ביטערער קלוגער ער־פאַהרונג, וואָס לערנט, אַז מענשען און לעבען פערדיענען נישט, מען זאָל זיי שטאַרק אַכטען אָדער פעראַכטען, זיי פערדיענען נאָר, מען זאָל מיטלייד צו זיי האָבען און מען זאָל פון זיי נישט פערלאַנגען צופיעל.

קוקט זיך צו צום סטיל: עס קאַפּען אַראָב פון פען, רוהיג און מיד, ווי פערשפּעטיגטע טרערען, קיהלע, קיילעכדיגע טראָפּענס, קאַפּען אַראָב בהדרגה איינער נאָך דעם אַנדערן, איינער גלייך צום אַנדערן, אַלע אין איין מאָס, אַלע מיט איין קלאַנג. קיין איין פּלוצ־לונגער אַקאָרד, קיין איין אומגעריכטער בליץ, וואָס דעקט פּלוצלונג אויף אַ וועלט, נאָר ווייכע בלייכע ליכטפּאַסען, וואָס לעשען זיך, נאָך איידער איהר בעמערקט זיי, אויפ׳ן קיהלען אָוונד-הימעל נאָך אַ היי־סען זומערטאָג; נאָר ווייכע בלייכע ליכטפּאַסען, וואָס זאָגען אָן, אַז ערגיץ ווייט, ווייט שטורעמט אַ געוויטער, נאָר איהר מעט ער נישט קומען: איהר מעגט רוהיג זיין.

נאָר אַמאָל איז עס די קיהלע, שטילע ליכטיגקייט, וואָס טריפט פאַרטאָג אין פעלד, וואו דו זוכסט דיין וועג. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען, מיט קרומע וועגען קומען אָן די שטראַהלען, ציטערנדיג, פון ערגיץ ווייט, ווי פון אַ פרעמדען לאַנד, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון האָריזאָנט —

אויף דער גרעניץ פון טויט און לעבען — — —